„Radomer-Kieleer Leben" 10 (350) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem" VIII-ער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבן


היינט 8 זייט.

Radom, dnia 6 Marca 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאָג י"ז אדר תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:

אין מיליגעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4 "



פישל צוקער (אינזשינער חמצי) — ליאָן —
בערט גערשטנהאָבער (לצאור. קאָנטאָר.) — טעסען —

תנאים געשריבן

17 פעברואר. מיטק.

פיעל גליק מיט צופרידענהייט, די בעסטע וואונטשן אונזער ליבן זון, ברודער און שוואָגער פ י ש ל צ ו ק ע ר צו זיינע תנאים מיט פרל' ב ע ר ט ג ע ר ש ט נ ה א ב ע ר אין טעטק.

שיקן איבער פ א מ י ל י ע ס:

יצחק מענדיל צוקער, מרגליות, סטראַחטשינסקי

מיר גראַטולירען הערצליך אונזער ליבען ברודער און שוואָגער
יאַנקעל מילער און פרוי (ניו אָרק ברוקלין)
צו דער חתונה פון זייער ערשטער טאָכטער ב י י ל ה.
מיר ווינטשען די עלטערן פיעל נחת און דעם יונגען פּאָר'ל אַ גליקליך און צופרידען לעבען.

לאה'טשע און מאיר הערץ.

הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער ליבען פעטער
ח י י ם צ ו ו י י ג ע נ ב ע ר ג עם פ ר ו י
צום תנאים שרייבען פון זייער ליבע טאָכטער
מ ל כ ה ' ל ע מיט ה' מ א י ר ק אָ ס מ אַ ן

ישראל צווייגענבערג און משפּחה.

אויפמערקזאַם סוחרים אין קעלצער וואָיעוואָדסטוואַ

די פאַבריק פון גומי-אייזאַרבייטונגען „B R A G E"

מאַכט בעקאַנט, דאָס צום אָנקומענדיגען זומער גרייט זי צו

די שענסטע מוסטערען פּילקעס

——— און די בעסטע אָבצאַסען-גומי ———

„MARS" און „BRAGE"

די בעסטע אָבצאַסען = גומע

זענען

„מאַרס" און „בראַגע"

דויערהאַפט, שטאַרק און ביליג

פאָדערט איבעראַל! פאָדערט איבעראַל!

פירמע בענדער

פאַר שיסטער, שניידער, קאַמאַשענמאַכער, קאָנפעקציאָנערער וועש-פאַבריקען, גאַרסעטשאַרניעס, היטען-פאַבריקען,

═══ טריקאָטאַזש-פאַבריקען ═══

ליפערט ש נ ע ל און ב י ל י ג

ערסטע פּוילישע מעכאַנישע באַנד-פאַבריק

„DEHA" Kraków Józefińska 20

רייניקייט — דאָס איז געזונדהייט

פ אַ ר ו ו אָ ס

גיבען אַלע די גאַרדעראָבעס צום וואַשען, אָדער פאַרבען נאָר אין דער פירמע

O. R. HEMPEL

די פירמע עקזיסטירט פון 1880 י.

אין דער פאַראָווע פאַרבעריי און כעמישע פּראַלניע

וועלכע בעזיצט פאָלגענדע פיליאַלען:

אויף זשעראָמסקי 1, זשעראָמסקי 37 טעלעפ. 250, אַלטע שטאָט 2

אָדער אין פאַבריק אַלטע שטאָט 7 (5) טעלעפ. 521 ?

ד ע ר פ אַ ר

הייל די גאַרדעראָב, וואָס ווערט געוואַשען, אָדער געפאַרבט אין די כעמישע אַנשטאַלטען פון אָ. ר. ה ע מ פ ע ל קומט אַרויס שטענדיג ווי ניי.

צוגענגליכע פּרייזען סאָלידע אַרבייט

+ PRIMEROS +

!? פּרעזערוואַטיווען ?!

א י ז ד י ב ע ס ט ע

מאַכט נישט קיין עקספּערימענטען מיט אייער געזונט. לאָזט אייך נישט איבערעדען צו בענוצען אַנדערע.

„פּ ר י מ ע ר אָ ס"

דאָס איז אַ אַלט-אויסגעפּרובירטע מאַרקע פון צעהנדליגער יאָהרען.

# וועגען א פסח-אקציע.

אז די צייטען זענען שווערע, אז דער קריזיס הערשט מיט אזא ריזיגע קראפט אין אלע ווינקעלעך פון אונזער לעבען, אז עס איז שווער אויפ'ן הארץ און אומעטיג אויף דער נשמה, פאלען מיר איבער די הענד, הערען מיר אויף צו דענקען, מיר פערלירען דאן דאס גלייכגעוויכט און מיר ווערען אויסער זיך.

עס איז פונקט פערקעהרט ווי עס דארף צו זיין; מ'דארף זיין שטאנדהאפטער אין א עת-צרה, מ'דארף זיך האלטען אין די ראמען, ווען ס'איז שלעכט. מ'דארף שטעהן אויף דער וואך ווען דאס לאנד לעבט איבער א קריזיס און דענסטמאל דארף מען אפהיטען די פאלקס-אינטערעסען אין א פיל שטארקערער פארם ווי אינ'ם געוועהנליכען נארמאלען פעריאד.

ס'איז אמת, אז מ'האט א שווער הארץ האט מען צו גארנישט קיין קאפ, מ'פערלירט זיך דאן און מ'בלייבט אונבעהאלפען, אבער דאס איז נאך נישט גענוג, אז עס איז גוט אזוי און עס דארף אט אזוי ווייטער געהן, אז מ'פאלט, אז מ'זינקט דארף מען זעהן דעם געפאלענעם אויפצוהויבען און נישט לאזען איהם אראפגלידערען אינ'ם טיפען אפגרונד.

עס זענען געקומען צייטען שווערע, צייטען ביטערע און דאס ערגסטע איז דאס, וואס די פערספעקטיווען פאר דער צוקונפט זענען גארנישט קיין גלענצענדע און ביים בעסטען ווילען בעווייזט זיך נישט מעהר אויפ'ן האריזאנט ווי פעסימיזם, אט דאס איז דאס ערגסטע און אט צוליב וואס מ'דארף טאקע זיין שטאנדהאפט און זיך האלטען אין די ראהמען פון בעוואוסטזיניגקייט און שטאנדהאפטיגקייט.

דאס יודישע ראדאם וואלט בעצייטענס געמעגט א טראכט טוהן וועגען דער שווערער לאגע. מען דארף דאך נישט פערגעסען, אז נאכ'ן לאנגען גרויסען ווינטער בעווייזט זיך דער פסח, וואס אפילו אין נארמאלע צייטען איז אזא יו"ט נישט לייכט ארייצוברענגען אין דער יודישער שטוב אריין, ווער שמועסט שוין איצט, ווען צו פערדינען א'ית א שטיקעל ברויט דארף מען האבען נסים. אבער א גאנץ יאהר לעבט מען ווי עס איז, מ'פערדינט היינט א גראשען האט מען אויף מארגען דעם טאג איבערצולעבען, דאס איז אבער נישט גענוג אויף פסח, ווען מ'כהו זיך אנגרייטען פראדוקטען אויף גאנצע אכט טעג. דאס איז דאך היינט קיין קלייניגקייט נישט, אזא מין ענין זעהט דאך אויס ווי א פאנטאזיע, ווי א געשיכטע פון טויזענד און איין נאכט, אנגרייטען זיך אין די היינטיגע צייטען פראדוקטען אויף גאנצע אכט טעג יו"ט איז פאר א דורכשניטליכער פאמיליע נישט קיין קלייניגקייט, ווער שמועסט שוין וועגען די אונבאמיטעלטע וועגען די, וואס ערשט נעכטען זענען זיי געווען פון די נותנים און איצט פיגורירען זיי צווישען די מקבלים. צי דען פערשטעהען מיר, וואס א נסיון אט די מענשען וועלען מיטמאכען אין די שווערע פסח'דיגע טעג, ווען מ'וועט אויף זיי נישט לייגען קיין גרויס אכט, ווען מ'וועט זיך מיט זיי נישט אינטערעסירען ווי געהעריג. און אזוי אין עס שוין, ווען עס איז שלעכט, מוז א הילפס-אקציע זיין א בעדייטענד גרעסערע, ווייל ס'זענען פאראן מעהר נויטבעדערפטיגע, מעהר הונגעריגע, מעהר געפאלענע, אונטערדריקטע און ליידענדע, מיט וועלכע מ'מוז זיך אין אזא קריטישע סיטואציע אונבעדינגט רעכענען און מ'מוז זיי וואגאר אויס'ן אויג האבען. דאס פאדערט פון אונז אונזער געוויסען, דאס פאדערט פון אונז אונזער אחריות פון אונזער ברידערליכקייט.

מ'מוז זיך בעצייטענס נעמען פאר דער גרויסער און פעראנטווארטליכער ארבייט, מ'דארף נישט פערגעסען, אז דאס יאהר קען מען נישט דורכפיהרען א פסח-אקציע עפעס עפעס אזוי פון יוצא וועגען, בכדי מ'זאל קענען זאגען: „א פסח-אקציע איז דא אדער דארט דורכגעפיהרט געווארען", איצט טאר מען לשם רעקלאמע גארנישט מאכען, ס'איז צופיל ריזיקאליש אין אזא ערנסטע צייט זיך צו פערגינען אזא לוקסוס.

אין איצטיגען מאמענט דארף מען זיך נישט אפשטעלען פרעדיגען ווי נויטיג ס'איז די ענטשטעהונג פון א פסח'דיגע הילפס-אקציע, נאר מען מוז טאקע ציטרעטען צו מעשים.

ל. ש.

— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג-יעהריגער פירמע

**ש. שטיינמאן**

ראדאם, לובלינער 21.

פנחס צווייפוס.

# דער ספינקס, די מדבר סאהארא און די פיראמידען.

די טעג ווערט א יאהר ווי ס'איז אין ראדאם געשטארבען דער חשוב'ער יודישער בירגער פנחס צווייפוס. צווישען די פיעל מעלות טובות, וואס דער פערשטארבענער האט בעזיצען, האט ער זיך אויך אויסגעצייכענט מיט ליטערארישע פעהיגקייטען. איינע פון זיינע שעהנע ערצעהלונגען האבען מיר געדריקט אין אונזער צייטונג מיט א געוויסער צייט צוריק.

נאכ'ן טויט פון פ. צווייפוס איז געבליבען א רייהע שאפונגען און מאנוסקריפטען. צו דער ערשטער יאהר-צייט פערעפענטליכען מיר איינע פון זיינע איבערגעבליבענע שעהנע שריפטען.

רעד.

אין עגיפטען, אויף דער שוועל פון דער מדבר סאהארא שטעהט ער שוין זייט טויזענדער יאהרען, אונגעהויער אין זיין גרויס, וואונדערבאר זיין דויערקראפט, איינד שטאלץ זיין בליק. דען משה רבינו ע"ה האט שוין דעם ספינקס געזעהן. וואס איז דער ספינקס, און וואס איז זיין בעדייטונג?

די היסטאריע ערצעהלט אונז, דאס נאך מיט אינגעפעהר פיעל טויזענד איינציגע הונדערט יאהר צוריק, האט אין עגיפטען געהערשט פרעה (פאראאן) מענעס. ער איז א בעגאבטער מענש געוועזען און דערצו א טרוימער. ער האט געוואלט דער מענשהייט א זאך געבען און האט לאנג געזוכט אזעלכעס, וועלכעס זאל זיין אימפאזאנט און דויערנד דאמיט די חכמה-גרויסקייט און קראפט עגיפטענס צו בעגרינדען, ער האט אזוי לאנג געזוכט ביז ער האט ענדליך געפונען.

די זאך שטעלט זיך אזוי פאר:

אמאהל האט פאראאן מענעס בעמערקט זעהר א גרויסען פעלז, וועלכער האט עפוואס עהנליכעס געהאט צו א מענשענגעשטאלט (אנטראפאליגי), ער האט דאריום בעפוילען דעם פעלז אויסצוהוילען אויף אזא אויפן דאס דער קאפ זאל זיין פון א מענש און דער קערפער פון א לייב, ד. ה. דער סימבאל פון חכמה און גבורה.

און ווירקליך טראגט דאס ריעזענווערק אויף זיך דעם סטעמפעל פון טויזענדער יאהרען, שטאלץ שטייט דער קעניג פון דער מדבר און שפעט פון דעם גענויס פון דעם מאדערנער מענשהייט מיט איהר קונסט:

איהר מענשען! איהר זייט שטאלץ מיט דעם סועץ-קאנאל מיט דעם טורם-אייפעל, מיט דעם סומפלאנישען טונעל, איהר האט א מאשינענלאקאמאציע, פלוגצייגע בעשאפען, מיט וועלכע איהר דענקט דעם מארס א בעזוך צו מאכען. דעם אטלאנטיק פליהט איהר אריבער. איהר דענקט אונטער דעם קאנאל לא-מאנש א באהן צו מאכען, און ווען איהר קומט אויף די שוועל פון דער מדבר סאהארא בלייבט איהר אפהענגיג שטעהן, און מוזט צו דער הילף פון דעם ארימען הייקערדיגען קעמעל אנקומען, וועלכעס איז א שיף פון דעם זאמד-מעער.

ארום קעמעל איז דיר די מענשהייט דאנקבאר פאר דיינע ליידען, ווען די שרעקליכע ווינטען „סאמום כאמסים און אנדערע, וועלכע טראגען מיט זיך פער-

ערע מקורבים. דאס קאסט אבער דער גימנאזיע, ווי אויבענגעזאגט, בערך צעהן טויזענד זלאטעס א יאהר...

וויפיעל אונפערמעגליכע שילער וואלט מען געקאנט ערמעגליכען זייער בילדונג פאר אט די סומען?

זעהר צווייפעלהאפט איז די פאזיציע פון העכער 5000 זל. מאנאטליך אויף הנחה'ס, אויף א אלגעמיינע סומע פון 17 טויזענד זל. שכר-למוד מאנאטליך. דאס וואלט דאך אויסגעמאכט 33 פראצענט הנחה פאר אלע אהן אויסנאהם שילער. ס'איז אבער א דבר ידוע, אז די גרעסטע העלפט פון די שילער בעצאהלען דאס פולע געלד און געניסען נישט פון קיין הנחה. די צווייטע טייל, וועלכע נויטיגען זיך יא אין א הנחה, ווייסען פיר גענוי, אז א הנחה פון 30 פראצ. קומט אן כקריעת ים-סוף. דא איז ווירער א רעטעניש...

נאכ'ן דורכלעזען אזא „גלענצענדען" בעריכט האט נאך אלץ די אלטע פערוואלטונג קיין מוטה געהאט אבצוזאגען זיך, און אויסנוצענדיג די אלגעמיינע אויפרעגונג. וואס איז ענטשטאנען אין זאהל, האט די פערוואלטונג געשטעלט צום אבשטימונג א פארשלאג מיט אזא אונדייטליכען אינהאלט, אז אונערווארטעט פאר אלעמען איז אויסגעקומען, אז די פערוואלטונג בלייבט ביז צו דער נעכסטער אלגעמיינע פערזאמלונג, וועלכע קומט פאר אין מאנאט טשערוויעץ. דערמיט האט אייגענטליך די פערוואלטונג זיך געשאפען א דירת-קבע, ווייל אין טשערוויעץ, ביים פערענדיגען דאס שול-יאהר איז שטענדיג פארהאן ערנסטע פינאנציעלע שוועריגקייטען, וועלכע א אקערשט ניי-געוועהלטע פערוואלטונג וואלט נישט בעוויזען אזוי לייכט בייצוקומען.

ס'ליגט א חוב אויף דער ראדאמער אידישער געזעלשאפט א סוף צו מאכען מיט דער אונפעראנטווארטליכע בעלהבתיש'קייט, וואס פ'ערלויבט זיך די פערוואלטונג פון דער איין-און-איינציגער נאציאנאלער בילדונג'ס-אינסטיטוציע אין ראדאם „פשיאטשול-יויעדזי".

לויט ווי פ'ווייזען אונז די ציפערען, וואלט ביי א געהעריגע און א געוויסענהאפטע-ווירטשאפט לייכט געוועזען בעדייטענד ביליגער צו מאכען דעם שכר-למוד און דערמיט צו ערמעגליכען די ברייטערע שיכטען פון דער אידישער בעפעלקערונג צו בילדונג, אז די געזעלשאפט „פשיאטשול וויעדזי" זאל בעמת מיטהעלפען פערשפרייטען וויסענשאפט צווישען אידען אין ראדאם און נישט די גימנאזיע זאל דיענען אלס א קרעמעל פאר עטליכע יחידים, וואס קלאמערען זיך פעסט אין בענקעל.

דוב

# לאקאטאר קלאגט איין זיין הויז-ווירטין, אז זי האט ביי איהם גענומען אבטרעט-געלד פאר דער דירה 2500 זל.

אין ראדאמער קרייז-געריכט איז די טעג בעטראכט געווארען פאלגענדער אינטערעסאנטער פראצעס:

דער יודישער לאקאטאר מ. גראספעלד פון קילינסקי 11 האט אריינגעטראגען צום פראקוראר א אנקלאגע געגען זיין הויז-ווירטין, די פרוי בארענשטיין. אנ'אלמנה, אז זי האט ביי איהם גענומען 2500 זל. אבטרעט-געלד בשעת ער האט ביי איהר געדונגען די דירה. ה' גראספעלד האט דעריבער פערלאנגט צו צוציהען די פרוי בארענשטיין צו געריכטליכער פעראנטווארטליכקייט און מ'זאל איהר בעשטראפען לויט'ן הארבען געזעץ פון דירות-ליכווע. ה' גראספעלד האט אין זיין אנקלאגע אויסגעגעבען עדות, וועלכע זאלען האבען געווען דערביי און געזעהען, ווי ער האט געגעבען דאס געלד.

די טעג איז דער פראצעס פארגעקומען אין קרייז-געריכט. מצד פרוי בארענשטיין זענען אויסגעטרעטען 10 עדות. צווישען זיי דער פאליציי-קאמיסאר ראטשענקא, אינזש. פראקולסקי באנק דירעקטאר ווייסמאן און עטליכע רעגירונגס און קאמונאלע בעאמטע. א טייל פון די עדות זענען געוועזענע אדער נאך יעצטיגע לאקאטארען אין הויז פון פרוי בארענשטיין און זיי האבען ערקלערט פאר'ן געריכט, אז די הויז-ווירטין האט ביי זיי קיינמאהל נישט גענומען קיין אבטרעט-געלד און דאס העכסטע, וואס זי האט ביי זיי פערלאנגט איז געווען, זיי זאלען איהר ארויסבארגען א געוויסע סומע געלד. וואס ס'איז דערנאך אראבגערעכענט געווארען ביים צאהלען דאס דירה-געלד. א טייל פון זיי האט בעשטעטיגט, אז דאס איז אויך געווען דער פאל מיט ה' גראספעלד, וואס האט די דערמאנטע סומע נאר ארויסגעבארגט דער פרוי בארענשטיין. אבער נישט אין כאראקטער פון אבטרעט-געלד. בכלל האבען אלע עדות פארגעשטעלט די בארענשטיינ'ען אלס זעהר אנשטענדיגע און אינטעליגענטע פרוי.

בעת דער געריכטס-פערהאנדלונג איז אויך גערעדט געווארען פון סכסוכים, וואס זענען פארגעקומען צווישען ה' גראספעלד און פרוי בארענשטיין וועלכע וואהנען בשכנות אין איין גרעסערע וואהנונג, פון וועלכער א טייל האט פרוי בארענשטיין פערדינגען דעם ה' גראכפעלד. די סכסוכים זענען ענטשטאנען צוליב „וויגארעס" וואס ה' גראספעלד האט זיך געמאהנט און אפילו וועגן זיי דערמאהנט אין געריכט. די הויז-ווירטין האט אבער גע'טענה'ט, אז די „וויגארעס" זענען נישט דערמאנט אין קאנטראקט און דערפאר איז זי נישט פערפליכטעט זיי צו געבען.

די עדות, וואס ה' גראספעלד האט ארויסגעשטעלט זענען געווען א געוויסער טייכמאן מיט זיין פרוי און זיין קריסטליכע דיענסט, וועלכע איז פריהער געווען אויף א שטעל ביי פרוי בארענשטיין. אבער אויך זיינע עדות האבען נישט געזאגט קלאר, צו דאס געלד, וואס פרוי בארענשטיין האט גענומען און געווען אלס אבטרעט-געלד אבער אין פארם פון אנ'הלוואה.

דאס געריכט האט גענצליך פריי-געשפראכען די פרוי בארענשטיין מחמת די בעשולדיגונג געגען איהר מצד ה' גראכפעלד איז נישט געווען בעגרינדעט אויף פאקטישע בעווייזען.

אט צו וואס א סכסוך קאן אלץ דערפיהרען! ה' גראספעלד געטריבען פון זיין אמביציע האט זיך זאגאר נישט אבגעשטעלט איינצופיהרען א קרימינעלען פראצעס געגען א פרוי און דערצו נאך אנ'אלמנה.

# פורים-פארשטעלונג פון דער שולע „שול-קולט" אין ראדאם.

לכבוד פורים האט די שולע „שול-קולט" איינגעארדענט פאריגען זונטאג אווענד א פארשטעלונג אין האנדווערקער-קלוב.

פערשיעדענע דעקלאמאציעס, געזאנג-נומערען, לידער אין יודיש, העברעאיש, פויליש—דאס איז געווען דער פראגראם, וואס איז אויסגעפיהרט געווארען דורך די יונגע שילער. דער זאהל איז געווען איבערפולט פון א פערשידענארטיג פובליקום אין פיעל מענשען זענען אוועק צוליב דער גרויסער ענגשאפט.

דאס שטיק „אחשורוש" אין דריי אקטען איז אויסגעפיהרט געווארען אין יודיש און האט מיט זיין שפיעל, היסטארישע דעקאראציעס און ריטמישע טענץ ארויסגערופען ביים עולם גרויס פערווינדערונג, וואס אזעלכע קליינע יונגע קינדער זאלען בכח זיין אזוי שעהן, פשוט ארטיסטיש, אויסצופיהרען. אויסער די שעהנע אויסשפראך אזוי יודיש, העברעאיש, פויליש, וואס איז געווען א נחת צו הערען רעדען די פיצעלעך קינדערלעך, האבען זייערע שוישפיעל-פעהיגקייטען אלעמען ענטציקט.

ביז 50 קינדער האבען אנטייל גענומען אין דער פארשטעלונג. ס'איז נאר א שאד וואס אזא פארשטעלונג איז נישט איינגעארדענט געווארען אין טעאטער „ראזמאיטאשטי", וואו די שול-לייטונג וואלט געהאט די מעגליכקייט צו דעמאנסטרירען פאר דער ברייטער עפענטליכקייט איהרע לייסטונגען אויפ'ן ערציהעריש-קולטורעלען געביט.

אנאנסען
אין „ראדאמער-קעלצער לעבען"
— האבען דעם —
גרעסטען ערפאלג.

געווען אזא גרויסער קנאקער. אדרבא זאל די שטאדט עפעס צו- העלפען.


איבערפיהרען סחורות מיט אויטאבוסען

Bronisław SEIDEL & S-ka

געזעלשאפט מיט בעגר. פעראנט.

ראדאם—ווארשא—לאדז

Juljusza 1 tel. 206—90. | Wronia 83 tel. 712-80, 449 33, 777-47. | Garaże Autobus. Miejskich (Gmach Rzeźni) tel. 531

מיר נעמען אן פון די ארויסשיקער און מיר שטעלען צו דירעקט צום אבנעמער יעדער זענדונג אהן אונטערשיד פון דער גרייס און וואג. די זענדונגען זענען אסעקורירט. די סאמאכאדען שיקען מיר ארויס טעגליך. שנעל, פינקטליך און ביליגער טראנספארט.


# פורים-אקציע פון „לינת-הצדק".

די פערוואלטונג פון דער אינסטיטו- ציע „לינת הצדק" ארבייט זעהר ענער- גיש מיט אלע אנשטרענגונגען בעמיהט זי זיך צו פארשטארקען איהרע פינאנסען, כדי זי זאל קאנען מילדערען די לאגע פון ארימען קראנקען.

אזוי למשל האט די פערוואלטונג איינגעארדענט פאריגען שבת-צונאכט א דאנסינג אין צוקערניע פון ה' פשיביט- ניעווסקי, וואס האט געגעבען א ניש- קשה'דיגען איינקונפט. דער ערפאלג איז אין א גרויסער מאס צו פערדאנ- קען די יודישע יוגענד, וואס האט פערשטאנען צו בעזוכען אין א רייכער צאהל דעם דאנסינג, נעמענדיג אין אכט דעם הומאניטארען צוועק פון דער פעראנשטאלטונג.

דאס זעלבע איז געווען מיט דער פורים-זאמלונג. אלע פערוו. מיטגליעדער האבען זיך איינגעטיילט כמעט אין אלע פונקטען פון שטאדט און אוועקגעלאזט זיך זאמלען געלד צו דער פורים- סעודה.

אויסער דעם פיהרט דורך „לינת הצדק" א אויספלעכטונג פון א שעהנעם קאפפלעט זילבער. ווי ס'איז פארגעזעהן וועט אויך די לעצטע אימפרעזע געבען א געוויסע הכנסה.

מיט איין ווארט די פערוואלטונג ארבייט אויף אלע כלים כדי די אינ- סטיטוציע, וואס ערטיילט אומזיסטע מעדיצינישע הילף, זאל אוועקגעשטעלט ווערען אויף א געזונטען יסוד. זי האט א גוטען רצון, אבער וואס שייך יכולת — וועגען לעצטען האט די שטאדט פיל צו זאגען. אבער ס'איז צו האפען אז די שטאדט וועט אבשאצען די ארבייט און זיך אברופען אויף יעדען רוף.

# א קינדער-פארשטעלונג איז חינוך ילדים.

דער ערציהונג'ס אנשטאלט ח"י האט שוין כמעט א יעהרליכע טראדיציע איינצוארדנען א קינדער-פארשטעלונג לכבוד פורים. אויך היי-יאהר איז די דאזיגע טראדיציע ווייטער אונטערגע- האלטען געווארען. דעם פאריגען מיט- וואך, שושן-פורים, איז אין דער זעל- בער קינדער-אנשטאלט פארגעקומען א שעהנע פארשטעלונג פון די קליינע קינדער, וועלכע האבען אויסגעפיהרט פערשידענע סצענקעס, דעקלאמאציעס, לידער, טענץ און געזאנג.

דער דאזיגער וויכטיגער אנשטאלט עקזיסטירט שוין אין ראדאם שעהנע יאהרען און ווערט אנגעפיהרט פון א פרויען-קאמיטעט, וועלכער ווייזט ארויס א ווארימע מוטערליכע בעציהונג צו די ארימע קינדער. אבער א מאדנעם מזל האט די דאזיגע בעשיידענע, זעהר- ניצליכע אינסטיטוציע. דער שטענדיגער געלד-קריזיס האט זעהר ליעב די ארי- מע קינדער און וויל זיך מיט זיי נישט שיידען. ראנגלען זיך טאקי שטענדיג די חשוב'ע פרויען מיט צו דעם אפיצען גאסט — דעם פינאנסיעלען קריזיס, אבער די דאזיגע אינטעליגענטע פרויען זענען צו איידעל און צו שוואך צו פיהרען מלחמה מיט אזא שווערען שונא.

אפשר וואלט זיי די שטאדט געקומען צו הילף, כדי צו קאנען כאטש דעם אנגעלענטען קריזיס-גאסט משלח זיין אויף א אורלויב. געגען א גאנצער שטאדט, דאכט זיך, וואלט ער נישט

# שטאדטישע אויטאבוסען ווידער אנגעהויבען צו קורסירען.

שוין א גאנצע וואך זעהט מען קור- סירען שטאדטישע אויטאבוסען. פאר- לויפיג פאהרען איבער'ן שטאדט נאר צוויי און נאך 6 וועלען געלאזט ווערען אין גאנג אין די נאהנטסטע טעג.

די יעצט קורסירענדע אויטאבוסען געהען אין דער ריכטונג פון זשאביע גאס ביז צום פוילישען צמענטאוש.

די היינטיגע אויטאבוסען זעהען אנ- דערש אויס הן לויט דער פארב, ווי אויך די קאנסטרוקציע איז אן אנדע- רע, וואס פאסט זיך בעסער צום היגען ברוק.

די אויטאבוסען - קאמוניקאציע האט איבערגענומען דער אינזש. קאים, וועל- כער האט שוין אזעלכע עהנליכע אינ- טערנעהמונגען אדורכגעפיהרט אין לובלין, סאסנאוויעץ און אנדערע שטעדט.

# רעוויזיע איבער דער ווירטשאפטליכער טהעטיגקייט פון דער יודישער גמינע.

אין דער יודישער גמינע ווערט דורכגעפיהרט א רעוויזיע מצד דער אדמיניסטראציע-מאכט. די רעוויזיע בע- ארבייט די ווירטשאפט'ס-יאהרען פון 1924 ביז 1929.

אין צוזאמענהאנג מיט דער רעוויזיע שרייבט די היגע פוילישע צייטונג „זיע- מיא ראדאמסקא" פאלגענדעס:

„ביי דער רעוויזיע וועלען ארויס אויף דער ליכטיגער שיין וויכטיגע פרטים וועגען „פאליטישע אויסגאבען" פון די געוועזענע גמינע-הערשער, וועלכע מיר וועלען קירצליך אי- בערגעבען אונזערע לעזער".

די „זיעמיא" שרייבט ווייטער:

„די טענדענץ ביי דער יודישער בעפעלקערונג ערב די וואהלען צו די קהלה, איז אומצוקעהרען דער יודישער גמינע דעם רעליגיעזען כא- ראקטער ווי זי ברויך זיין און ארויסרייסען די גמינע פון די הענד פון נישט-ענטשפרעכענדע און מלו- כה'ש-נישט לאיאלע ארטיגע פאלי- טיקער".

דער לעצטער ארגומענט איז שוין א ביסעל צו-פיעל איבערגעטריבען, וואס, וואס, אבער צושרייבען דער אלטער גמינע, אז זי איז געווען נישט לאיאל צו דער מלוכה — דאס איז מעהר ווי א ליגען און ס'איז א גרויס ווינדער אויף דער „זיעמיא", וועלכע פרעטענ- דירט אלס ליבעראלע צייטונג. אז זי זאל זיך ערלויבען אויף אזא השערה.

# פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם.

שבת ד. 7|3 ד. י. אום 7 א זייגער אווענד קומט פאר א איבערגעוועהלי- כע אלגעמיינע פערזאמלונג אין אייגע- נעם לאקאל לובעלסקא 25

# א נישט רעקלאמירטער פורים-אווענד

אז עס איז היינט א גוטע צייט, דאס ווייסען מיר אלע. אבער ס'איז דאך געווען פורים ביי אונז אין שטעטעל. און אז שוין יא פורים מוזען מיר דאך עפעס געבען אונזערע חברים. אלע אינסטיטוציעס מאכען דאך פורים- אווענדען און ווי זענען זעגען מירז אמת מיר גרייטען שוין א קימן-לן 4 וואכען פריהער ווי אלע אנדערע, אבער דערפאר, ווי זאגט מען עס, איז עס שוין איינמאל א פורים-אווענד, איך זאג אייך מיט אלע פיטשעווקעס. וואו

**Dr. Med. SZ. HERTZ**

*Akuszerja i choroby kobiece.*

**DZIECI** przyjmuje od godz. 1 — 3 pp.

RADOM, ul. ŻWAŃSKA 17 (19).

איהר הייסט נישט דאָס מיר האָבען איינגעאָרדענט ביי אונז א פורים-אָהענדז זאָג איך אייך פאַקי נישט. נאָר שטעלט אייך פאָר. איהר איניציאַטאָרען, דאָס איך א יוד האָט האָט ליעב שמחות, אַ פורים-אָהענד אודאי און אודאי, ביז ערשט אָט האָט געהאָהר געוואָרען, דאָס עס האָט געזאָלט פאָרקומען שבת צו נאַכטס א פורים-אָהענד.

מען דערצעהלט א מעשה'ל, אַז אַמאָל איז אַ חסידישער יוד אַהיים געגאַנגען פרייטאָג צו-נאַכטס פון א שלום-זכר. ער קומט צו צום טויער, אָבער ס'איז שוין פערשלאָסען. קלינגען אַ ם שבת טאָר מען דאָך נישט האָט ער געשאָקעלט מיט דעם קאָפּ און איז אָנגעשטאַנען; געבען א גאַנצע נאַכט און דער „סטרוזש האָט גאָר נישט געהערט. אזוי איז געשעהן ביי אונז. נאָר ווי זאָגט מען עס „קלענער דער עולם שענער די שמחה". אַז מען וויל געפּינען מוז מען עפּעס געבען. אונזז איהר, גרויסע איניציאַטאָרען האָט נישט רעקלאַמירט אזוי האָט איהר אלע געבען ביי אונז גרויסען איינקונפט געפּועט זיין דענעראַירט א רחמנות אויף אייך

נאָר ווי זאָגט מען עס, אַז מען קען נישט נעמט מען זיך נישט....

י. ה—ט

# ראדאמיר דעלעגאציע אין קעלץ.

היינטיגע וואָך איז א ראַדאָמער דעלעגאַציע מיט ה' יחיאל פרענקעל אין דער שפּיץ געפאָרען קיין קיעלץ צום ה' וואָיעוואָדע. נאָך וואָס און ווי ס'האָט אויסגעזעהען די אויפנאַהמע – דאָס פערשטייט זיך, האַלט די דעלעגאַציע בסוד.

ווי ס'איז אָבער משער צו זיין האָט דער בעזוך אין קיעלץ מתחמא א שייכות מיט די פּאָ־שטעהענדע וואַהלען צו דער קהלה.

# „עזרה" נעמט שוין אונטער די פסח-אקציע.

די הילפס-געזעלשאַפט „עזרה" איז שוין, ווי איהר מינהג, צוגעטרעטען צו דער היי-יעהריגע פסח-אַקציע, די פערוואַלטונג מיט'ן פרעזעס ה' איתמר אדלער בראש ארבייטען שוין זעהר ענערגיש די אַקציע זאָל אדורך מיט ערפאָלג.

„עזרה" האָט פּוּאָנדערגעשיקט צו די ראַדאָמער יו ישע איינוואָהנער ביז 2000 אויפרופען, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט גאָט־לויבט די היינטיגע ביטערע צייט פון קריזיס און בעזונדערס די שווערע פינאַנציעלע לאַגע פון דער דערמאָנטער אינסטיטוציע, וועלכע שטיצט פיעל הונדערטער אָרימע יודישע פאַמיליעס.

אין די אויפרופען ווערט אַפּעלירט צו דער יודישער בעפעלקערונג צו שטיצען די פסח-אַקציע, וועלכע וועט דאָס מאָהל צוליב'ן גרויסען קריזיס, מוזען זיין א פיעל גרעסערע.

צו די אויפרופען איז בייגעלעגט א קופאָן אויף וועלכער יעדער איינער דאַרף אונטערשרייבען וויפיעל ער איז זיך מתחייב צו געבען פאַר אָט די וויכטיגע אַקציע.

יעדער וואָס וועט דעם אויפרוף דערהאַלטען דאַרף איהם לייענען מיט אויפמערקזאַמקייט און זיך בעשטייערן מיט וואָס נאָר ער קען לטובת דעם היילינגען צוועק.

**Podziękowanie.**

Zarząd T-wa Linas Hacedek w Radomiu wyraża niniejszem najserdeczniejsze podziękowanie

**p. Przybytniewskiemu**

za pozwolenie urządzenia dancingu w salach cukierni Jego w dniu 28 lutego b. r.

z poważaniem

*Zarząd T-wa Linas Hacedek*

w Radomiu.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזער פערוואַלטונג'ס-מיטגליד

ה' מיכאל ריכטמאַן צוליב'ן טויט פון זיין פאָטער

# מאיר וואלף ז"ל

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים

פערוואַלטונג פון געזעל. „עזרה" אין ראַדאָם.

# דאנקזאגונג.

די געזעלשאַפט „ל י נ ת - ה צ ד ק" דריקט אויס איהר בעסטען דאַנק דער ראַדאָמער יודישער יוגענד פאַר איהר פערשטענדניש וואָס זי האָט אַרויסגעוויזען מיט איהר צאָהלרייכען בעזוך אויפ'ן דאַנסינג פאַרינגען שבת-צו-נאַכט לטובת דער דערמאָנטער אינסטיטוציע.

ספּעציעל דאַנקען מיר דעם ד"ר גאָלדבלום פאַר זיין אונערמידליכער אָרגאַניזירונג'ס-אַרבייט ביים דורכפיהרען דעם דאַנסינג וואָס האָט געבראַכט ריינע הכנסה 314 זל. מיט 15 גר. דעם זעלבען דאַנק דריקען מיר אויס די ג. פרויען: שטעלמאַן, צימעט, דאָקטאָראַחאַ פאַטסמאַן, דאָקטאָראָווא שענדעראָוויטש, דאָקטאָראָווא גאָלדבלום, פראַכמאַן, גאָטליעב, שפּילער און די פרויילינס זוויקעלסקי, האָנינמאַן, צונג. מיר דאַנקען אויך די ה"ה: גאָטליעב, בוירמייסטער, מאַגיסטער קיילער, לעאָן גאָלדבלום און ראָבינאָוויטש.

פערוואַלטונג פון „לינת הצדק" אין ראַדאָם

# ערקלערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשיכטע, וואָס איז געווען בעשריבען אין „ראַדאָמער-לעבען" וועגען די „בחיי קאַפּעליעס אויף איין חתונה", ערקלער איך דאָ, אַז דעם ה' ווינשטאָק האָט קיינער פון די מחותנים נישט גערופען נאָר ער איז אליין געקומען און גענומען זיך אַריינרייסען שפּילען אויף דער חתונה. די קאַפּעליע איז אַרויסגעקומען צוליב איהם, אזוי ווייט, אַז ער איז גערופען געוואָרען אין פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט, און געבליבען שפּילען בין איך, ווייל די מחותנים פון ביידע צדדים האָבען מיך בעשטעלט צו קומען אויף די חתונה.

מיט אַכטונג דער „קינצלער".

*Kino NOWE CZARY Teatr*

**Dziś i dni następnych**

# LISTY NIEZNAJOMEJ

— oraz —

**Straż w obronie prawa**

*Kino dźwiękowe ODEON*

**Dziś i dni następnych**

# AMOR NA NARTACH

w roli głównej

*Harry Liedkie*

# קעלצער אבטיילונג.

## אנקעטע צווישען די ג. דאזארעס און פרנסים

## וועגען די קהלה-וואהלען אין קעלץ.

(ל. ר.) ווי עס איז געווען פאראויס- צוועהען, האבען די מיינונגען פון די ג. דאזארעס און פרנסים וועגען די קהלה-וואהלען אין קעלץ, וועלכע זע- נען געווען פערעפענטליכט אין פא- ריגען נומער פון אינזער צייטונג, ארויסגערופען א פערשטענדליכען אינ- טערעס אין די היגע געזעלשאפטליכע קרייזען, אפילו אויף די פארגעקומע- נע בעראטונגען פון די בעזונדערע גרופען, וועלכע געהען צו די וואהלען, האט מען געגווי ארומגערעדט און גע- נומען אין אכט די דערמאנטע ארויס- געזאגטע מיינונגען.

### וואס זאגט דער קעלצער רב?

— ווי איז אייער מיינונג וועגען די וואהלען? — שטעל איך א פראגע דעם קעלצער רב. הרב ראפאפארט, וועלכער איז אגב, אויך א מיטגליד פון דער קהלה-פערוואלטונג.

— פערשטעהט זיך, אז אמבעסטען וואלט געווען ווען אלע ריכטונגען וואל- טען געקומען צו א הסכם און ארויס- שטעלען בלויז איין ליסטע. אויב אפילו אין אנדערע שטעדט איז דער קאמף צווישען די פארטייען א גאר שארפער, ברויך דאך אין קעלץ, וועלכע איז פון אייביג אן. אין דער הינזיכט, א שטילע שטאדט, ווייטער הערשען די זעל- בע רוהיגקייט און עס ברויך אויסגע- מיידט ווערען אלערליי שעדליכע מחלוקת'ן.

א געוויסע ענטוישונג, האב איך געהאט ביים געשפרעך מיט'ן ג. פרע- זעס פון קהלה-ראט.

### ה' ה. זאגייסקי

— זייט וויסען. האט ה' זאגייסקי מיר באלד אין אנהויב פון געשפרעך מודיע געווען — אז איך האב בעשלא- סען ביי די נעכסטע קהלה-וואהלען נישט צו קאנדידירען אויף וואס פאר א ליסטע עס זאל נישט זיין.

— וואס איז די סיבה, ה' פרעזעס פון אייער אונערווארטעטען בעשלוס? דוכט זיך, אז איהר זענט שוין אין קעלץ פרנס יאהרען לאנג און פלוצ- לינג...

— נעמס דאס נישט אן — ענט- פערט מיר תיכף ה' זאגייסקי — אז איך ציה זיך צוריק פון מיין געזעל- שאפטליכע טעטיגקייט. ד"ר פעלץ, מיין חויז-דאקטאר, האט מיר אבער פער- באטען, צוליב מיין געזונד צושטאנד צו פערנעמען איצט אזא פעראנטווארט- ליכען און ארבייטזאמען כלל-אמט, ווי עס איז א פרנס.

מיין צייט ווידמע איך איצט דער פערענדיגונג פון מושב-זקנים בנין, וועלכען איך שענק אוועק דער קהלה. שוין גאר אינגיכען וועט פארקומען דער חנוכת-הבית פון דעם אנשטאלט. איך בין זיכער, אז דער דאזיגער בנין וועט זיין א ציהרונג פאר דעם יודישען קעלץ. איך בין שטאלץ, וואס עס איז מיר געלונגען צו געבען דער שטאדט אזעלכע מוסטערהאפטע אינסטיטוציעס ווי עס איז דער „בית-יתומים" און, ווי עס זיין דער „מושב-זקנים".

דער בעקאנטער אגודה שער פרנס

### ה' משה אייזענבערג,

האט, אין א זעהר אפטימיסטישען טאן, געלויבט די טעטיגקייט פון דער פא- ריגער קהלה, וועלכע האט אריינגע- בראכט א ארדנונג אין שחיטה-וועזען, בית-החיים אבטיילונג און אלע אנדערע קהלה'שע אינסטיטוציעס. הלואי זאל די קינפטיגע קהלה נישט זיין קיין ערגערע ווי די פאריגע...

דענעגען זעהר פעסימיסטיש געש- טימט, איז ה' אייזענבערג, בנוגע די וואהלען. ער זעהט פאר א גרויסע צושפליטערונג אין א אייסען וואהל- קאמף.

### דאזאר קאהן,

וועלכער איז געוועהלט געווארען פון דער אונפארטייאישער ליסטע און איז שפעטער איבערגעגאנגען צו דער אגודה-פראקציע, האט ארויסגעזאגט א ענליכע מיינונג ווי ה' לעה. מען ברויך נור — זאגט ה' קאהן — האבען דערביי א גוטען ווילען, אהן פניות. און אין קעלץ וועט זיין שלום און רוהיג.

אינטערעסאנטען שטאף האט אונז געגעבען דער האנדווערקער פרנס

### שמעון סטראווטשינסקי

— ווי עס זאל נישט זיין — הויבט אן ה' סטראווטשינסקי — האב איך בדעה ארויסצושטעלען א האנדווערקער- ליסטע, וועלכע וועט ווערען געשטיצט פון גרעסטען טייל קעלצער האנדווער- קער, וועלכע שטעהען אין אפאזיציע צו דער איצטיגער האנדווערקער - ליי- טונג. בעת די וואהל קאמפאניע וועל איך ארויסטרעטען מיט וויכטיגע רעווע- לאציעס וועגען גרויסע פערזאנען פון דער דערמאנטער לייטונג. אנדערש וועט זיין, אויב עס וועט צושטאנד קו- מען א בלאק מיט אלע אידישע סאציא- ליסטישע פארטייען, דאן וועל איך, ווארשיינליך, אויך פאראייניגען די דערמאנטע האנדווערקער אפאזיציע- גרופע מיט דעם סאציאליסטישען בלאק.

א רייהע וויכטיגע מיינונגען קי- מען די צווייטע וואך.

---

## א אונפארטייאישער וואהל - בלאק איז קעלץ.

דורך דער איניציאטיוו פון ד"ר לע- ווינסאהן איז זונטאג פארגעקומען א גרינדונג'ס-פערזאמלונג פון א אונפאר- טייאישען וואהל-בלאק צו די קהלה.

פארזיצענדער פון דער פערזאמלונג איז געווען ד"ר פלעשלער. אין קאמי- טעט זענען געוועהלט געווארען די ה"ה ד"ר לעווינסאהן, מ. ראוויצקי, רא- וויצקי, ד"ר פעלץ, ד"ר פלעשלער, נ. דיאמענט, ב. בוגאיער, ל. רייזמאן, א. מינצבערג, מ. וואלדבערג, ז. הערמאן א. א.

---

## חנוכת הבית פון ציוניסטישען קלוב.

היינטיגען שבת 8 אווענד קומט פאר א גרויסע ציוניסטישע פייערליכקייט, לכבוד דער עפנונג פון נייעם ציוניסטי- שען קלוב אויף ניעצאלא גאס.

דער חנוכת-הבית, צו וועלכען עס זענען געמאכט געווארען פיעל צוגריי- טונגען, וועט אויספאלען זעהר אימפא- זאנט. עס וועלען זיין אויך פארשטע- הער פון ציוניסטישען צ. ק.

---


## ענטשולדיגונג

מיר בעטען ענטשולדיגונג ביי דער פאמיליע טאוב (לאנגע גאס 6) פאר די בעליידיגונגען וואס מיר האבען געווארפען אויף זייער אדרעס. מיר ערקלערען, אז אלע רכילות'ן זענען לחלוטין פאלשע. מעהר וועט זיך אזעלכעס נישט איבער'חזר'ען און אלס צייכען פון חרטה גיבען מיר 10 זלאטעס פאר'ן „בית-יתומים" אין קיעלץ.

קיעלץ — מיט אכטונג אבא האכמאן און פרוי



משתתף אני בצערו הגדול של ידידי וחברי לדעה

צבי זילבערשטין למות עליו אביו היקר

ר' יחזקאל ז"ל

נטע צוקער קילצה.

במה אנחמך ידידי צבי זילבערשטין

אך אל-הנחמות יכבש פצעיך.

ל. רודל.

ידידי אהובי צבי זילבערשטין

גדול כים שברך על מות עליך

אביך

היקר ואין לי כח לנחמך.

צבי ניעבעלסקי, קילצה.

# די שטאדט-גאזאווניע

— פערקויפט —

הורט און דעטייל

פרעפארירטע סמאלע — קארבאלינעאום

און קאקס

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען

— פיהרט אויס —

# גאז-אינסטאלאציעס

וואננע אייוועלעך

קיכלעך צו קאכען

אייוועלעך צו ווארימען

— בעשטעלונגען ועמט-אן —

GAZOWNIA MIEJSKA

MŁODZIANÓW, Tel. 134 skrz. p. 28


## צום עפענטליכען משפט.

די פרוי פון איטשעלע הייספעט פון דלוגא האט ביי מיר אגגענומען פאר איניגע הונדערט זלאטעס סחורה שוין צוריק צוויי יאהר. האב איך געגעבען דעם ה' איטשעלע ער זאל דאך ערלעדיגען דעם חוב, האט ער מיך אויסגעזידעלט אויף דער לובלינער 5 כאחד הריקים. אויף וואס איך האב עדות. איך פאדער דערמיט אויף דעם ה' הייספעט צו א עהרען-געריכט אדער לד"ת אין משך פון 8 טעג. אין געגענפאל וועל איך איהם איינקלאגען אין געריכט.

משה אייזנבערג

איגהאבער פון לאנג-עקזיסטירענדען זשירארדאווער-סקלאד לובלינער 5.


די פאפולערע און איבעראל - אנערקענטע

פאראווע פארבערייי און כעמישע פראלניא

# J. ZÜCHNERA

נעמט אן צו פארבען און צו פוצען אויף א כעמישען אופן

מענער און דאמען - גארדעראבעס, ווי אויך גארניטורען

קאסטומען, פאלטענס, קליידער, בלוזקעס,

און אלערליי פוטערווארג.

דאס אויך ווערט אויסגעפיהרט פינקטליך, סאליד און צו צוגענגליכע פרייזען.

די פירמע י. ציכנער, בעזיצט א פיליע אויף זשעראמסקי 47 וואו עס ווערען אנגענומען אלערט בעשטעלונגען פאר דער דערמאנטער פארבעריי

——— און פראלניע. ———

*J. ZÜCHNER, Radom,*

Spacerowa 21


זונטאג דעם 8 מערץ ה. י. אין טאג פון דער ערשטער

# יאהר-צייט

פון אונזער ליבען, קיינמאהל נישט פערגעסענעם

מאן און פאטער

# פנחס צוויפוס ז"ל

וועט פארקומען אויף זיין קבר די ענטהילונג פון דער מצבה און אנ'הזכרה לזכרון נשמתו, אויף וואס עס ווערען געבעטען אונזער פאמיליע און פריינד.

די אין טרויער פארבליבענע

פרוי און קינדער.

אכטונג! מיטגלידער פון „סורוויט" אכטונג!

## שבת דעם 7 מערץ 2 נ. מ.

אין לאקאל פון האנדווערקער - קלוב קוכט פאר די

# ליקווידאציאנס - פערזאמלונג

## פון „סורוויט"

אויף וועלכע איהר ווערט געבעטען צו קומען

בעמערקונג: דער צווייטער טערמין אין זעלבען טאג פינקטליך 3 אזייגער נ. מ. ביי יעדער צאהל אנוועזענדע.

די ליקווידאציאנס-קאמיטע.

זונטאג דעם 8-טן מערץ 4 נ. מ.

וועט אין לאקאל פון „עזרה" (דלוגא 11) פארקומען די

# יעהרליכע

# אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער פון דעם יודישען — טורן און ספארט - פעראיין „מכבי"

איינטריט'ס-רעכט האבען נאר די מיטגלידער, וועלכע וועלען בעווייזען די לעגיטימאציעס פון יאהר 1930.

## הכחשה

די געשיכטע, וואס חנה אברמאוויטש האט דערצעהלט פאר דער עפענטליכקייט אין „ראד. לעבען" פון פאריגע וואך, אז די צוויי שוועסטערן פייגע גיטל (סט. קראקאווסקא) און גאלדע פרידמאן (וואלאווא) זענען איהר איינגעפאלען אין איהר וואהנונג, זי געשלאגען און אויסגעהאקט די שויבען — דאס אלין האט זיך ארויסגעוויזען פאר א ליגען, ווענען וואס דאס געריכט האט פעסטגעשטעלט פארן נומער 1004.

גאלדע פרידמאן, פייגע גיטל.












i Wyd. Ra... Kelcer ... Radom ...